בס"ד
שמות תשפ"ד
גליון 172

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואַל

### מְחַזֵּק זַיין דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים

מִיר הֵייבְּן אָן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אַ נַייעֶ חֻמָּשׁ וָואס אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת לֶערְנֶען מִיר דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה "וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא... וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ.. וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים..

ר' נָתָן אִין זַיין הֵיילִיגְ'ן סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שְׁרַייבְּט אַז אַלֶעס וָואס וֶוערְט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אַ מַעֲשֶׂה וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדֶער אִיד בִּפְרָטִיּוּת. "כִּי הַתּוֹרָה הִיא בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן". ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַז מִצְרַיִם אִיז דִי בְּחִינָה פוּן "מְצָרִים – עֶנְגְשַׁאפְט" אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּז אַרִיבֶּערְגֵיין וֶוערְט גֶעשִׁיקְט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן כְּדֵי דֶער אִיד זָאל זִיך דֶערְוֶועקְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ אִים, וְוִי מִיר זֶען אִין דִי פַּרְשָׁה "וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ" כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט זֵייעֶר גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אִיבֶּער דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן צָרוֹת וָואס פַּרְעֹה הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף זֵיי צוּ אַרְבֶּעטְן. "וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת נַאֲקָתָם" זֵייעֶר תְּפִלָּה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד. גְלַייךְ דֶערוֹיף זֶעט מֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוֹיסְצוּלֵייזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם.

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער (אות ח') וְזֶה בְּחִינַת "שׁוֹבָבִים" וֶוען דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פִּירְן זִיךְ צוּ פַאסְטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּפִלָּה אוּן סְלִיחוֹת, וַוייל אִין דִי טֶעג לֵיינְט מֶען אִין דִי תּוֹרָה וֶועגְן גָלוּת מִצְרַיִם אוּן דִי גְאוּלָה וָואס אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ צְעָקוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען טוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִין גָלוּת אַזוֹי וְוִי דֶער נָבִיא זָאגְט: "שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים" דֶער נָבִיא בֶּעט זִיךְ צוּ יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן שְׁרֵייעֶן גָאר אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער. (לקוטי הלכות גלוה ה')

אִין תִּקּוּנִים (תִּקּוּן יג דַף כח) שְׁטֵייט אוֹיף פָּסוּק "וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה" בְּקֻשְׁיָא, מֵיינְט מֶען דִי קַשְׁיוֹת אִין הָאֶרֶץ, דָאס זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעוֹת פַאר אַ מֶענְטְשׁ. דִי עֵצָה אִיז אַז מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם טַאטְן אִין הִימְל פוּן טִיפְן הַאֶרֶץ, וֶועט

המשך אויף קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ צוּהֶערְן צוּ זַיין קוֹל, אוּן פוּן דֶעם אַלֵיין וֶועט אַוֶועקְפַאלְן אוּן בָּטֵל וֶוערְן אַלֶע קַשְׁיוֹת. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז קַשְׁיָא - אִיז רָאשֵׁי-תֵּבוֹת: "שְׁמַע ה' קוֹלִי אֶקְרָא" אַז מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס פַאלְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ קַשְׁיוֹת אוּן כְּפִירוֹת. (ליקו"מ תנינא מ"ו)

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע נְקוּדָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה:

פַּרְעֹה הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מְיַלְּדֹת הָעִבְרִיֹּת אֲשֶׁר שֵׁם הָאַחַת שִׁפְרָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית פּוּעָה, ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר לוֹיט חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַז מְיַלְּדוֹת זֶענֶען דִי צַדִּיקֵי הַדּוֹר וֶועלְכֶע הֶעלְפְן גֶעבּוֹירְן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער וָואס דָאס זֶענֶען מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וַוייל דֶער עִיקָר תּוֹלְדוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז מַעֲשִׂים טוֹבִים (רש"י נח). שִׁפְרָה זֵיי מַאכְן שֵׁיין דִי קִינְדֶער, פּוּעָה זֵיי רֶעדְן אוּן בֶּעטְן אִיבֶּער דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס וֵויינֶען, אַזוֹי אוֹיךְ דִי צַדִּיקִים טְרֶעפְן אִין אוּנְז דִי שֵׁיינֶע אוּן גוּטֶע נְקוּדוֹת, אוּן רֶעדְן אוּן וַוארְפְן קוֹלוֹת אוּן רְמָזִים מִיר זָאלְן נִתְעוֹרֵר וֶוערְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן הֵייבְן פוּן אַלֶע נְפִילוֹת אוּן יְרִידוֹת, אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן פְּרִישׁ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר.

דִי מְיַלְּדוֹת הָאבְן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ פַּרְעֹה - דִי סִטְרָא-אַחֲרָא נָאר, "**וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים**" זֵיי גִיבְּן זִיךְ אָפּ צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי קִינְדֶער דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס ווילְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן מְ'דַארְף זֵיי מְחַזֵּק זַיין מִיט אַלֶע מִינֵי חִיּוּת אוּן הִתְחַזְּקוּת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הִתְגַּלּוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט "מַה שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה" אִיז רָאשֵׁי-תֵּבוֹת "מֹשֶׁה", אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גְּאֻלַּת הַנֶּפֶשׁ וְהַגּוּף בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# איין מעשה'לע



צו נתן ש. פון ירושלים, האסט איבערגעלאזט א שיינע מעשה אויפן טעל-ליין אבער צו אונזער באדויערן איז עס נישט אריינגעקומען קלאר, צי ווייל דיין טעלאפאן איז נישט געווען קלאר אדער איז עס געווען צו שטיל.

אויב מעגליך פארצייל א מעשה פון וואס דו האסטו מתפלל געווען און געזען א ישועה.

טייערע קינדער, מיין רעטל איז ליידיג, ביטע פילט מיך אן מיט אפאר שיינע מעשיות ... ... .. .




חַיִּים קַצָּב. וָוער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶער חַיִּים קַצָּב? אִין גַאנְץ קִיבְּלִיטְש אִיז עֶר גֶעוֶוען גוּט בַּאקַאנְט. חַיִּים קַצָּב אִיז גֶעוֶוען אַ בּוּטְשֶׁער (אַ פְלֵיישׁ הַאקֶער). אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מַאשִׁינֶערַיי וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט צוּשְׁנַיידְן דִי גְרָאבֶּע שְׁטִיקֶער בְּהֵמָה פְלֵיישׁ. מֶען הָאט גֶעדַארְפְט פַאר דֶעם אַ פֶעטֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ כֹּחַ. פַאר דֶעם אִיז חַיִּים קַצָּב גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער מֶענְטְשׁ מִיט בְּרֵייטֶע בֵּיינֶער. אוּן נִישְׁט נָאר וָואס זַיינֶע בֵּיינֶער זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֵייט אוּן רִיזִיג נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק. מִיט אֵיין קְנַאק הָאט עֶר גֶעקֶענְט צוּשְׁנַיידְן אַ גְרָאבֶּע שְׁטִיק פְלֵיישׁ. עֶר הָאט גֶעהַאט שַׁארְפֶע מֶעסֶערְס אוּן שֶׁערְלֶעךְ וָואס עֶר הָאט גֶענִיצְט פַאר זַיינֶע בְּהֵמוֹת.

אוּן נִישְׁט נָאר בְּהֵמוֹת הָאט עֶר גֶעקֶענְט צוּקְנַאקְן נָאר אוֹיךְ... מֶענְטְשְׁן! עֶר הָאט גֶעקֶענְט צוּ'מַזִיקְ'ן אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי שְׁפִּיץ פוּן זַיין פִינְגֶער. קִינְדֶערְלֶעךְ, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין מַעְלָה מִיט וָואס מֶען רִימְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ! חַיִּים קַצָּב הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַזַא וַוייסֶע הִיסְטָארְיֶע. קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְט זִיךְ אָנְצוּהֵייבְּן מִיט אִים. יֶעדֶער הָאט נָאר פְּרוּבִּירְט צוּ שְׁטֵיין וָואס וַוייטֶער פוּן אִים.

חַיִּים קַצָּב, דֶער גְרָאבֶּער יוּנְג הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַסַאךְ פוּן אִידִישְׁקֵייט. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פּוּנְקְט וִויפִיל מִצְוֹות עֶר הָאט גֶעהִיטְן אָבֶּער קַיין גְרוֹיסֶער צַדִּיק אִיז עֶר זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶוען!

אִין קִיבְּלִיטְש הָאט גֶעוואוֹינְט נָאךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן נָאמֶען ר' פִּנְחָסְ'ל. מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשֶׁער. ר' פִּנְחָס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אוּן יְרֵא שָׁמַיִם, אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער דִי טַייעֶרֶע תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. אוּן זַיין אַהֲבַת הַשֵּׁם אוּן יִרְאַת הַשֵּׁם הָאט עֶר אַרַיינְגֶעשֵׁיינְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים'לֶעךְ וָועלְכֶע הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּפְרִידְן פוּן דֶער טַייעֶרְן מְלַמֵּד. מֶען הָאט אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען. אַלֶע עֶלְטֶערְן פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ גֶערִיסְן אַרַיינְצוּלֵייגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בַּיי ר' פִּנְחָס אִין חֵדֶר.

אִין זַיין כִּתָּה הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מֶער פוּן צְוָואנְצִיג קִינְדֶער, אַ אִינְגֶעלֶע אַבְרָהָמֶ'לֶע (שְׁטֶערְנְהַארְץ) אוֹיךְ אַהֲרֶלֶ'ע (קִיבְּלִיטְשֶׁער) חַיִּים (קִיבְּלִיטְשֶׁער) אוּן וָועלְוְול (בַּעַל עֲגָלָה) אוּן נָאךְ טַייעֶרֶע קִינְדֶער.

דֶער גוּטֶער מְלַמֵּד לֶערְנְט אוֹיס זַיינֶע תַּלְמִידִים שֵׁיינֶע פְּשׁוּטֶ'ע לִמּוּדִים, זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַ פְּרוּטָה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן קוֹיפְן זֵיי נִישְׁט מִיט דֶעם קַיין זִיסַווארְג, נָאר עֶנְדֶערְשׁ לֵייגְן זֵיי דָאס אַרַיין פַאר אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, מִיט אַ לְשֵׁם יִחוּד פַארְדֶעם, דָאס הָאט דֶער עֶרְלִיכֶער מְלַמֵּד ר' פִּנְחָס זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט. אוּן וָואס נָאךְ הָאט ר' פִּנְחָס גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי? אִין קוּמֶענְדִיגְן גִּלְיוֹן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם.

**הגליון נתנדב ע"י הר"ר חיים זאב שפירא הי"ו לרגל הבר מצוה של בניו התאומים למזל טוב**

# דער מסור
# אין טבריה



אִין צָפוֹן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נֶעבְּן דֶער יַם כִּנֶּרֶת גֶעפִינְט זִיךְ דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁטָאט טְבֶרְיָה, וָואס אִיז שׁוֹין יָארְן לַאנְג גֶעוֶוען בַּאוואוֹינְט מִיט עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן דָארְט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אוּן דָארְט גֶעדִינְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דִי פַּאסִירוּנְג אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, וֶוען אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע תְּקוּפָה הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן דִי שְׁטָאט, אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד פוּן חוּץ לָאָרֶץ קַיין טְבֶרְיָה, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אַ וואוֹילֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פַאלְשׁ אוּן שְׁלֶעכְט, צוּ דֶעם אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גוּטֶער שְׁפִּילֶער, אוּן פַאר יֶעדְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ אַנְדֶערְן שְׁפִּיל זִיךְ צוּ גֶעפֶעלְן, אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער שְׁווינְדְלֶער אוּן אַ לִיגֶענֶער, אֱמֶת אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען נֶעבֶּעך אַ אִיד, אָבֶּער אֲפִילוּ אַ אִיד אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ אוּן אֱמֶת׳דִיג קֶען עֶר דֶערְגֶרֵייכְן אִין זֵייעֶר נִידְרִיגֶע עֶרְטֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

וִוי נָאר דֶער פַאלְשֶׁער אִיד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי צָרוֹת און בִּיטֶערְנִישְׁן אִין שְׁטָאט, עֶר אִיז בַּאלְד אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם פַּאשַׁא (גֶעוֶועלְטִיגֶער), וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער הוֹיפְּט אִיבֶּער דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה, אוּן מִיט זַיין זִיסְן צִינְגְל הָאט עֶר אָנְגֶעדְרֵייט דֶעם פַּאשַׁא, מִיט לִיגְנְט אוּן חֲנוּפָה זִיךְ גֶעפֶעלְן אִין זַיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוּן מַלְשִׁינוּת אוֹיף דִי אִידְן פוּן שְׁטָאט, דִי אִידְן פוּן טְבֶרְיָה פְלֶעגְן וֶועגְן דֶעם לֵיידְן זֵייעֶר פִיל גְזֵרוֹת אוּן רְדִיפוֹת פוּן דֶער פַּאשַׁא וָואס הָאט זֵיי גֶערוּדֶפְ׳ט אָן אַ שִׁיעוּר. חֳדָשִׁים לַבְּקָרִים, אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן נַייעֶ צָרוֹת וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע רֵייד וָואס דֶער שְׁלֶעכְטֶער שְׁווינְדְלֶער הָאט גֶעמַסֶרְ׳ט אוֹיף דִי אִידְן, אַזוֹי אַז דִי אִידְן פוּן טְבֶרְיָה פְלֶעגְן אִים אָנְרוּפְן דֶער מָסוּר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בֶּאֱמֶת זֵייעֶר צוּגֶעפַּאסְט צוּ זַיין נָאמֶען, אוּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ אָנְרֶעדְן אוּן פַּיינִיגְן זַיינֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער.

אַזוֹי וִוי דֶער מָסוּר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער פַּאשַׁא הָאט אַוודְאַי זֵייעֶר לִיבּ גֶעלְט, הָאט עֶר צוּ אִים גֶעזָאגְט: ״זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דִי אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר רַייךְ, פִיל גֶעלְטֶער קוּמְט אָן צוּ זֵיי פוּן חוּץ לָאָרֶץ , פוּן דִי גֶעלְט נֶעמֶען זֵיי אוּן טֵיילְן דָאס אַיין נָאר פַאר זִיךְ, פַאר׳ן פַּאשַׁא דֶערְצֵיילְן זֵיי גָארְנִישְׁט אוּן אַוודְאַי אַז זֵיי גֶעבְּן אַייךְ נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע גֶעלְט,״ (דָאס אִיז אַוודְאַי נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעוֶוען, וַוייל דִי אִידְן אִין טְבֶרְיָה הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אִין אַ בִּיטֶערֶע אָרֶעמְקַייט, נָאר אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

זָאגְט אַז אַ לִיגְנְט אָן קַיין שׁוּם אֱמֶת קֶען מֶען נִישְׁט אָנְנֶעמֶען מוּז מֶען אִין דֶעם אוֹיסְמִישְׁן אוֹיךְ עֶפֶּעס אַן אֱמֶת, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז גֶעוֶוען אַז דִי אִידְן פְלֶעגְן טַאקֶע בַּאקוּמֶען גֶעלְט פוּן חוּץ לָאָרֶץ פוּן דִי מְשׁוּלָחִים, וֶועלְכֶע פְלֶעגְן פָארְן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר עֲנִיֵּי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן שִׁיקְן גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְט, צוּ טֵיילְן צְדָקָה פַאר דִי אָרִימֶע לַייט פוּן טְבֶרְיָה, אַוַודְאַי אַז דָאס הָאט מֶען נִישְׁט פַארְצֵיילְט פַארְן פַּאשַׁא, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְן פוּן דִי צְדָקָה גֶעלְט פַאר אִים, אָבֶער דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרָע פַארְן מָסוּר צוּ אָנְרֶעדְן דֶעם פַּאשַׁא).



וִוי נָאר דֶער פַּאשַׁא הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר זֵייעֶר בֵּייז, "אַזַא זַאךְ? בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע גֶעלְט אוּנְטֶער מַיין נָאז?" עֶר אִיז גֶעוָוארְן שְׁטַארְק אִין צָארְן, אוּן הָאט גֶעהֵייסְן זַיינֶע סָאלְדַאטְן זָאלְן שְׁנֶעל גֵיין צוּם אִידִישְׁן קְוַוארְטְל, אוּן בַּאלְד אַרֶעסְטִירְן דִי חֲשׁוּבֶ׳ע אִידְן פוּן זֵיי, אַ שְׁוֶוערֶע גֶעמִיט הָאט גֶעהֶערְשְׁט אִין שְׁטָאט צְווִישְׁן דִי אִידְן, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי פְרִישֶׁע צָרָה וָואס הָאט זֵיי אָנְגֶעטְרָאפְן, דִי סָאלְדַאטְן זֶענֶען אַרוּמְגֶעלָאפְן אִין דִי גַאסְן אוּן אַרֶעסְטִירְט נַיין חָשׁוּבֶ׳ע אִידְן אִין תְּפִיסָה, צוּ דֶער פְרֵייד פוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶער מָסוּר, וָואס אִיז אִים אוֹיךְ דָאס מָאל גֶעלוּנְגֶען צוּ רוֹדֵפְ׳ן זַיינֶע בְּרִידֶער אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶען קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז אַלֶע אִידְן פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען צוּ דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בִּתְפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל מְבַטֵּל זַיין דִי פְרִישֶׁע בִּיטֶערֶע צָרָה.

צוּדֶערְצוּ הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ פְּרָאבִּירְט פְּלַאנֶען אוּן זוּכְן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ רַאטֶעוֶוען דִי נַיין אִידְן פוּן טוּרְמֶע.

אִין טְבֶרְיָה הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט אוֹיךְ סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן וָואס מֶען פְלֶעגְט זֵיי רוּפְן דָארְט דִי פְרֶענְקֶען, פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיךְ אַסַאךְ ווֹאוֹילֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, בַּעֲלֵי צְדָקָה, אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וֶוען דִי פְרֶענְקֶען הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן דִי צָרָה וָואס הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן דִי אַשְׁכְּנַזִ׳ישֶׁע אִידְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאלְד אוֹיךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ הֶעלְפְן, זֵיי הָאבְּן צַאמְגֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע פוּן גֶעלְט אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּם פַּאשַׁא, אוּן מִיט אַסַאךְ שְׁתַדְלָנוּת אוּן גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְן אִיז עֶר גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ אַרוֹיסְלָאזְן דִי נַיין חֲשׁוּבִים פוּן תְּפִיסָה.

דִי אִידְן זֶענֶען אָבֶער מַמָּשׁ נִישְׁט רוּהִיג גֶעוָוארְן מִיט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פוּנֶעם בַּאפְרַייאוּנְג פוּן דִי אִידְן פוּן טוּרְמֶע, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעווֹאוּסְט

אַז אויב דֶער נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶער מָסוּר דְרֵייט זִיךְ נָאךְ אִין טְבֶרְיָה אִיז זֵייעֶר מַצָּב זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, דֶערִיבֶּער הָאבְּן עֶטְלִיכֶע פוּן דִי אִידְן בַּאשְׁלָאסְן אַז דֶער אִיד הָאט אַ דִין פוּן אַ מָסוּר אוּן אַ מַלְשִׁין, אוּן מֶען מֶעג אִים הַארְגֶענֶען, אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעוַוארְט דֶעם מָסוּר אִין אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל, אוּן אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶעוָואלְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל, אָבֶּער דֶער מָסוּר אִיז דָאךְ ווִי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער שְׁפִּילֶער, ווִי עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי אִידְן ווִיל אִים טוֹיטְן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט גְלַייךְ ווִי עֶר אִיז טוֹיט, אוּן דִי אִידְן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען הָאבְּן טַאקֶע גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, הָאבְּן זֵיי אִים אָפְּגֶעלָאזְט אוּן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען מִיט פְרֵייד אַז בָּרוּךְ ה' יֶעצְט וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דִי שְׁטִילְקֵייט אוּן רוּהִיגְקַייט צוּם שְׁטָאט.

אַזוֹי הָאט דֶער מָסוּר אָפְּגֶענַארְט דִי אִידְן, ווִי נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גֶענוּג וַוייט הָאט זִיךְ דֶער נִידְרִיגֶער מָסוּר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן בַּאלְד בַּאשְׁלָאסְן נְקָמָה נֶעמֶען אִין דִי אִידְן וָואס ווִילְן אִים טוֹיטְן, שְׁנֶעל אִיז עֶר אַרִיבֶּערְגֶעלָאפְן צוּם פַּאשַׁא, אוּן אִים אָנְגֶערֶעדְט, אַז דִי אִידְן ווִילְן אִים טוֹיטְן פַארְן חֵטְא אַז עֶר זָאגְט אוֹיס פַארְן פַּאשַׁא זֵייעֶרֶע אַלֶע סוֹדוֹת, וַוייל זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אוֹיף זֵייעֶר גֶעלְט אוּן זֵיי ווִילְן דָאס נִישְׁט גֶעבְּן פַארְן פַּאשַׁא.

אַזוֹי? הָאט דֶער פַּאשַׁא גֶעקְלַאפְּט מִיט צָארְן אוֹיף זַיין טִישׁ, אִיךְ גִיבּ דִיר ווִיפִיל סָאלְדַאטְן דוּ ווִילְסְט, פֶערְד מִיט גֶעוֶוער וָואס דִי בַּאדַארְפְסְט נָאר צוּ הָאבְּן, אוּן אִיךְ מַאךְ דִיר אַלְס פָּקִיד, אוּן הוֹיפְּט אִיבֶּערְן שְׁטָאט!

הָא, זֵייעֶר גוּט, הָאט זִיךְ דֶער מָסוּר גֶעפְרֵייט יֶעצְט וֶועל אִיךְ צוּרִיק קוּמֶען אִין שְׁטָאט מִיט אַלֶע סָאלְדַאטְן אוּן נְקָמָה נֶעמֶען פוּן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט אָפְּווִישְׁן פוּנֶעם וֶועג, עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע אַרְמֵיי פוּן סָאלְדַאטְן מִיט פֶערְד שִׁיסֶער'ס אוּן בִּיקְסְן, אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן צוּם אִידִישְׁן קְוַוארְטָל וֶוען דִי גֶערוּדֶער אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן דִי ווִילְדֶע סָאלְדַאטְן אוּן קְלַאפְּן פוּן דִי פֶערְד הֶערְן זִיךְ בִּיז וַוייט.

אַ שְׁרֶעק אוּן אַ צִיטֶער הָאט אָנְגֶעכַאפְּט אַלֶע אִידְן פוּן טְבֶרְיָה הֶערְנְדִיג דִי שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס וֶועגְן דֶער טוֹיטֶער מָסוּר, וָואס אִיז פְּלוּצְלִינְג לֶעבֶּעדִיק גֶעוָוארְן אוּן קוּמְט נְקָמָה נֶעמֶען אִין דִי אִידְן פוּן שְׁטָאט, אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה הָאט זִיךְ גֶעטוּן אִין שְׁטָאט, מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע זַייטְן הָאבְּן פְּרָאבִּירְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטָאט, פְּרוּיעֶן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעלָאפְן מִיט שְׁרֶעק, מִיט פֶּעקְלֶעךְ אוּן זֶעקְלֶעךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן מָסוּר, יֶעדֶער ווִי עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

דֶער דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן פוּן טְבֶרְיָה אוּן הָאט זֵיי מַקְדִים גֶעוֶוען אַ רְפוּאָה פַאר דִי מַכָּה. פָארְזֶעצוּנְג אִינֶעם קוּמֶענְדִיגְן גִלְיוֹן אי"ה.

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ה' דער רב און דער בן יחיד

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'רָב' – דֶער 'רָב' הָאט הָאט קַיין קִינְדֶער נִישְׁט גֶעהַאט – דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ 'בֶּן־יָחִיד' – אוּן עֶר הָאט אִים מְגַדֵל גֶעוֶוען [אוֹיפְגֶעצוֹיגְן] – אוּן עֶר הָאט אִים חֲתוּנָה גֶעמַאכְט.

דֶער 'בֶּן־יָחִיד' פְּלֶעגְט צוּ זִיצְן אוֹיף [אִין] אַ 'אוֹיבֶּער־שְׁטִיבְּל' [בּוֹידֶעם], אוּן הָאט גֶעלֶערְנְט – אַזוֹי־ווִי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי גְבִירִים – אוּן פְּלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג].

נָאר עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעפִילְט, אַז ס'פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ 'חִסָרוֹן' – אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס – אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפִילְט קַיין 'טַעַם' אִין דֶעם 'לֶערְנֶען', אוּן אִין דֶעם 'דַאוֶונֶען'.

הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר צְווֵיי יוּנְגֶעלַייט – הָאבְּן זֵיי אִים אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן: "אַז עֶר זָאל פָארְן צוּ דֶעם אוּן דֶעם 'צַדִיק'".

אוּן דֶער 'בֶּן־יָחִיד' הָאט גֶעטָאן אַ 'מִצְוָה' – וָואס דוּרְךְ דֶער 'מִצְוָה', אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דֶער בְּחִינָה [פוּן] 'מָאוֹר־הַקָטָן' [דֶער 'קְלֵיינֶער בַּאלַייכְטֶער' – דִי 'לְבָנָה' וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן אִין בְּרֵאשִׁית א, טז].

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'בֶּן־יָחִיד', אוּן הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט זַיין 'פָאטֶער': "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־ווִי] עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין 'עֲבוֹדָה' (כְּלוֹמַר: אִין דֶעם וָואס עֶר דִינְט גָאט, דְהַיְינוּ: 'דַאוֶוענֶען' אוּן 'לֶערְנֶען', אוּן 'אַנְדֶערֶע מִצְוֹת') – אוּן ס'גֵייט אִים אָפּ [ס'פֶעלְט אִים], אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] ווִיל עֶר פָארְן צוּ דֶעם 'צַדִיק'" (וָואס מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

הָאט אִים דֶער 'פָאטֶער' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ווִי קוּמְסְטוּ צוּ אִים צוּ פָארְן, דוּ בִּיזְט זִיךְ [דָאךְ] מֶער 'לַמְדָן' פוּן אִים, אוּן מֶער 'מְיוּחָס' פוּן אִים – ס'שְׁטֵייט דִיר נִישְׁט אָן, צוּ אִים צוּ פָארְן – גֵיי אַוֶועק פוּן דֶעם וֶועג".

בִּיז דֶער 'פָאטֶער' הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט, צוּ פָארְן צוּם 'צַדִיק'.

הָאט זִיךְ דֶער 'בֶּן־יָחִיד' ווִידֶער גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען – הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפִילְט דֶעם 'חִסָרוֹן' כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

הָאט עֶר ווִידֶער אַ עֵצָה גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן – הָאבְּן זֵיי אִים ווִידֶער דִי [זֶעלְבֶּע] עֵצָה גֶעגֶעבְּן: "אַז עֶר זָאל פָארְן צוּ דֶעם 'צַדִיק'".

אִיז עֶר ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם 'פָאטֶער' – הָאט אִים דֶער 'פָאטֶער' ווִידֶער אָפְּגֶעשְׁלָאגְן [צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן], אוּן הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט.

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל.

אוּן דֶער 'בֶּן־יָחִיד' הָאט אַלְץ גֶעפִילְט, אַז ס'גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ [ס'פֶעלְט אִים עֶפֶּעס] – אוּן הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט: "עֶר זָאל מְמַלֵא זַיין [עֶרְפִילְן] דֶעם חִסָרוֹן" (כְּלוֹמַר: עֶר זָאל מִיט עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן, אַז ס'זָאל אִים נִישְׁט אָפְּגֵיין).

אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דֶער חִסָרוֹן אִיז, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם 'פָאטֶער', אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן – בִּיז דֶער 'פָאטֶער' הָאט גֶעמוּזְט מִיט אִים פָארְן – וָוארְן דֶער 'פָאטֶער' הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַלֵיין לָאזְן פָארְן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ

׳בֶּן־יָחִיד׳.

הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״זֶעה, אִיךְ וֶועל מִיט דִיר פָּארְן, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט״ (כְּלוֹמַר: אַז דֶער ׳צַדִיק׳ אִיז נִישְׁט).

הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי ׳בְּרִיקֶע׳ [פֶּערְד אוּן וָואגְן], אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן!

הָאט דֶער ׳פָּאטֶער׳ צוּם ׳זוּהְן׳ גֶעזָאגְט: ״דָא וֶועל אִיךְ פְּרוּבְן – [אוֹיבּ] וֶועט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פִירְן ׳כְּסֵדֶר׳, אִיז עֶס מִן־הַשָׁמַיִם – אוּן אַז נִישְׁט, אִיז נִישְׁט מִן־הַשָׁמַיִם אַז מִיר זָאלְן פָארְן, וֶועלְן מִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן]״.

זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן! וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ קְלֵיין ׳בְּרִיקְל׳ [בְּרִיק] – אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ ׳פֶּערְד׳, אוּן דִי ׳בְּרִיקֶע׳ [פֶּערְד אוּן וָואגְן] הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, אוּן זֵיי זֶענֶען שִׁיעוּר [כִּמְעַט] דֶערְטְרוּנְקְן גֶעוָוארְן.

הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״זֶעהְסְטוּ, אַז ס׳פִירְט זִיךְ נִישְׁט כְּסֵדֶר, אוּן דִי ׳נְסִיעָה׳ אִיז נִישְׁט מִן־הַשָׁמַיִם״!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט]!

הָאט זִיךְ וִוידֶער דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען – אוּן הָאט וִוידֶער גֶעזֶעהְן, אַז ס׳גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ [ס׳פֶּעלְט אִים עֶפֶּעס], אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס.

הָאט עֶר וִוידֶער מַפְצִיר גֶעוֶוען [זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן] דֶעם ׳פָּאטֶער׳ – הָאט דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעמוּזְט מִיט אִים נָאכְאַמָאל פָּארְן.

וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן – הָאט דֶער ׳פָּאטֶער׳ וִוידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּרוּב, אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר: ״אוֹיבּ ס׳וֶועט זִיךְ פִירְן כְּסֵדֶר״ (וְכוּ׳ כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן, זֶענֶען צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן בֵּיידֶע ׳אַקְסְן׳ [דִי צְוֵויי הֶעלְצֶער וָואס בַּאהֶעפְטְן דִי ׳פֶּערְד׳ צוּם ׳וָואגְן׳].

הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״זֶעה אַז ס׳פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן פָארְן – וָוארְן אִיז דָאס דֶען אַ ׳דֶרֶךְ־הַטֶבַע׳, אַז בֵּיידֶע ׳אַקְסְן׳ זָאלְן צוּבְּרָאכְן וֶוערְן – וִויפִיל מָאל מְ׳אִיז [אִיז מֶען שׁוֹין] גֶעפָארְן מִיט דֶער ׳בְּרִיקֶע׳ [פֶּערְד אוּן וָואגְן], אוּן ס׳הָאט זִיךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן״ [בִּיז הַיינְט הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְט אַזַא זַאךְ].

הָאבְּן זֵיי זִיךְ וִוידֶער אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט]!

הָאט זִיךְ דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ וִוידֶער גֶענוּמֶען צוּם לֶערְנֶען וְכוּ׳ כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אוּן הָאט וִוידֶער גֶעפִילְט דֶעם ׳חִסָרוֹן׳ כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אוּן דִי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן אִים אַלְץ אָנְגֶערֶעדְט [צוּגֶערֶעדְט]: ״אַז עֶר זָאל פָארְן״.

אִיז דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם ׳פָּאטֶער׳, אוּן הָאט אִים וִוידֶער מַפְצִיר גֶעוֶוען [זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן] – הָאט עֶר גֶעמוּזְט נָאכְאַמָאל מִיט אִים פָּארְן.

הָאט דֶער ׳בֶּן־יָחִיד׳ צוּם ׳פָּאטֶער׳ גֶעזָאגְט: ״אַז מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף אַזוֹי אַ [אַזַא] פְּרוּב, וָוארְן דָאס אִיז אַ ׳דֶרֶךְ־הַטֶבַע׳, אַז ס׳פַאלְט אַמָאל אַ ׳פֶּערְד׳ אַרָאפּ, אָדֶער ס׳וֶוערְן ׳אַקְסְן׳ [דִי צְוֵויי הֶעלְצֶער וָואס בַּאהֶעפְטְן דִי ׳פֶּערְד׳ צוּם ׳וָואגְן׳] צוּבְּרָאכְן – סַיידְן [חוּץ אוֹיבּ] ס׳וֶועט עֶפֶּעס זַיין אַ וִוילְדֶע זַאךְ״.

זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן – אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶעכְטִיגְן אִין אַ ׳קְרֶעטְשְׁמֶע׳!

הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעפוּנֶען אַ ׳סוֹחֵר׳ – הָאבְּן זֵיי מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן סוֹחֲרִים – אוּן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט, אַז זֵיי פָּארְן אַהִין (צוּ אַ ׳גוּטְן־יְהוּדִי׳ [גוּטְן־אִיד]) – וָוארְן דֶער ׳רָב׳ הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ זָאגְן, אַז עֶר פָּארְט צוּ דֶעם ׳גוּטְן־יְהוּדִי׳ [גוּטְן־אִיד].

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועלְט זַאכְן – בִּיז אִין [אִינְמִיטְן] דִי רֵייד, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן ׳גוּטֶע־אִידְן׳, וואוּ סְ׳גֶעפוּנֶען זִיךְ ׳גוּטֶע־אִידְן׳.

הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט (דְהַיְינוּ: דֶער ׳סוֹחֵר׳): ״אַז דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ אַ ׳גוּטֶער־יְהוּדִי׳ [גוּטֶער־אִיד], אוּן [אוֹיךְ] דָארְט אוּן דָארְט״.

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן: ״פוּן דֶעם ׳גוּטְן־יְהוּדִי׳ [גוּטְן־אִיד], וָואס זֵיי פָּארְן צוּ אִים״.

הָאט דֶער ׳סוֹחֵר׳ זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״׳דֶער׳? (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי מְ׳פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ), עֶר אִיז זִיךְ אַ ׳קַל׳ (כְּלוֹמַר: נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער יְהוּדִי [אִיד]) – אָט פָּאר אִיךְ פוּן אִים – בִּין אִיךְ דֶערְבַּיי גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן אַ עֲבֵירָה״.

הָאט זִיךְ דֶער ׳פָּאטֶער׳ אָנְגֶערוּפְן (צוּם ׳בֶּן־יָחִיד׳): ״זֶעהְסְטוּ מַיין קִינְד, וָואס דֶער ׳סוֹחֵר׳ דֶערְצֵיילְט לְפִי תּוּמוֹ – (כְּלוֹמַר: עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְכַוֵּון אִין מִיסְטְנֶע צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְטְס פוּן דֶעם ׳גוּטְן־יְהוּדִי׳ [גוּטְן־אִיד], נָאר דוּרְךְ דִי רֵייד הָאט עֶר עֶס דֶערְצֵיילְט) [עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס נִישְׁט דַוְוקָא בְּכַוָּונָה, נָאר צְוִוישְׁן זַיינֶע וֶוערְטֶער, הָאט עֶר דָאס אוֹיךְ בִּתְמִימוּת דֶערְצֵיילְט] – אָט פָּארְט עֶר דָאךְ פוּן דָארְט״.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט] אַהֵיים (דְהַיְינוּ דֶער ׳רָב׳ מִיט דֶעם ׳בֶּן־יָחִיד׳)!

אִיז דֶער ׳זוּהְן׳ גֶעשְׁטָארְבְּן – אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּם ׳פָּאטֶער׳ – הָאט דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעזֶעהְן: ״אַז עֶר שְׁטֵייט אִין גְרוֹיס כַּעַס״.

הָאט דֶער ׳פָּאטֶער׳ אִים גֶעפְרֶעגְט: ״פַארְוָואס בִּיזְטוּ אַזוֹי אִין כַּעַס״?

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער ׳זוּהְן׳ וָואס סְ׳גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אִין חָלוֹם דֶעם ׳פָּאטֶער׳): ״אַז עֶר זָאל פָּארְן צוּ דֶעם ׳גוּטְן־יְהוּדִי׳ [גוּטְן־אִיד], וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פְּרִיעֶר פָּארְן צוּ אִים – וֶועט עֶר דִיר זָאגְן, פַארְוָואס אִיךְ בִּין אִין כַּעַס״?

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: ״סְ׳אִיז אַ מִקְרֶה״ (כְּלוֹמַר: סְ׳נָאר אַ חָלוֹם, נִישְׁט קַיין אֱמֶת).

נָאכְדֶעם, הָאט זִיךְ אִים וִוידֶער אַזוֹי גֶעחָלוֹמְ׳ט – הָאט עֶר וִוידֶער גֶעמֵיינְט: ״סְ׳אִיז אַ פַאלְטְשֶׁער חָלוֹם״.

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דְרַיי מָאל – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען, אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶערֶע [פָּשׁוּטֶ׳ע] זַאךְ.

אִיז עֶר גֶעפָארְן אַהִין (דְהַיְינוּ דֶער ׳רָב׳ אִיז גֶעפָארְן צוּ דֶעם ׳גוּטְן־יְהוּדִי׳ [גוּטְן־אִיד], וָואס עֶר אִיז פְּרִיעֶר גֶעפָארְן מִיט זַיין ׳זוּהְן׳ אַהִין)!

אוֹיףְ דֶעם [אוֹיפְן] וֶועג, הָאט עֶר וִוידֶער בַּאגֶעגְנְט דֶעם ׳סוֹחֵר׳ וָואס עֶר הָאט פְּרִיעֶר בַּאגֶעגְנְט, אַז [וֶוען] עֶר אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין ׳זוּהְן׳.

אוּן דֶער ׳רָב׳ הָאט אִים דֶערְקֶענְט – אוּן דֶער ׳רָב׳ הָאט גֶעזָאגְט צוּם ׳סוֹחֵר׳: ״דוּ בִּיזְט זִיךְ דֶער, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעזֶעהְן אִין דֶער ׳קְרֶעטְשְׁמֶע׳״?

עֶנְטְפֶּערְט עֶר אִים [דֶער 'סוֹחֵר']: "אַוַודְאַי הָאסְטוּ מִיךְ גֶעזֶעהְן"! – אוּן [דֶער 'סוֹחֵר'] עֶפְּנְט אוֹיף דָאס מוֹיל, אוּן זָאגְט צוּ אִים [צוּם 'רַבִּ']: "אַז דוּ ווִילְסְט, אָט שְׁלִינְג אִיךְ דִיךְ אַיין".

זָאגְט עֶר צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער 'רַבִּ' צוּם 'סוֹחֵר'): "וָואס רֶעדְסְטוּ"?

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶּערְט: "גֶעדֶענְקְסְטוּ, אַז [וֶוען] דוּ בִּיזְט גֶעפָּארְן מִיט דַיין 'זוּהְן' – אוּן פְרִיעֶר אִיז אַ 'פֶּערְד' אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער 'בְּרִיק', הָאסְטוּ זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט] – דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי 'אַקְסְן' [דִי צְוֵויי הֶעלְצֶער וָואס בַּאהֶעפְטְן דִי 'פֶּערְד' צוּם 'וָואגְן'] צוּבְּרָאכְן גֶעווָארְן – דֶערְנָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּאגֶעגְנְט – הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז אַ 'קַל'.

הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דַיין 'זוּהְן' גֶע'פַּטְרְ'ט, הַיינְט מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארְן – וָוארְן דֶער 'זוּהְן' אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינַת 'מָאוֹר־הַקָטָן' [דֶער 'קְלֶיינֶער בַּאלַייכְטֶער' – דִי 'לְבָנָה' וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן אִין בְּרֵאשִׁית א, טז] – אוּן דֶער 'צַדִיק' וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּ אִים פָּארְן, עֶר אִיז אַ בְּחִינַת 'מָאוֹר־הַגָדוֹל' [דֶער 'גְרוֹיסֶער בַּאלַייכְטֶער' – דִי 'זוּן' וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן אִין בְּרֵאשִׁית א, טז] – אוּן אַז זֵיי בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם צוּם אוֹיפְקוּמֶען [צוּנוֹיפְקוּמֶען], וָואלְט 'מָשִׁיחַ' גֶעקוּמֶען.

אוּן הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶע'פַּטְרְ'ט, מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארְן".

דֶערְוַוייל אִיז עֶר נֶעלְם גֶעוָוארְן אִין דִי רֵייד (כְּלוֹמַר: דֶער 'סוֹחֵר' אִיז פַארְשְׁווִאוּנְדְן גֶעוָוארְן פְּלוּצִים [פְּלוּצְלִינְג] אִין [אִינְמִיטְן] דִי רֵייד), אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן.

אִיז דֶער 'רַבִּ' גֶעפָּארְן צוּ דֶעם 'צַדִיק', אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד, גֶעוַואלְד, חֲבַל עַל דְאַבְדִין וְלָא מִשְׁתַּכְּחִין" (ווֵיי אוֹיף דֶעם וָואס ס'פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן מ'קֶען נִישְׁט גֶעפוּנֶען).

אוּן דֶער 'סוֹחֵר' אִיז גֶעוֶוען דֶער 'סַמֶ"ךְ־מֶ"ם' אַלֵיין, וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ 'סוֹחֵר', אוּן הָאט זֵיי אָפְּגֶענַארְט.

אוּן דֶערְנָאךְ, אַז עֶר הָאט זִיךְ דָאס אַנְדֶערֶע מָאל בַּאגֶעגְנְט מִיט דֶעם 'רַבִּ' – הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִים אַלֵיין גֶערֵייצְט – נָאךְ [נָאכְדֶעם] וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפָּאלְגְט.

וָוארְן אַזוֹי אִיז דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם 'יֵצֶר־הָרָע' – פְרִיעֶר רֶעדְט עֶר אָן דֶעם מֶענְטְשְׁן – אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ פָאלְגְט אִים חַס־וְשָׁלוֹם, רֵייצְט עֶר אַלֵיין זִיךְ דֶערְנָאךְ מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן – אוּן אִיז זִיךְ אִין אִים אַלֵיין נוֹקֵם, נָאךְ [נָאכְדֶעם] וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפָאלְגְט.

הַשֵׁם־יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז מַצִיל זַיין פוּן אִים, אוּן זָאל אוּנְז אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן] צוּם רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] אֱמֶת, אָמֵן.



:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די אכטע מעשה - דער רב און דער בן יחיד

**א. וואס האט געפעלט פארן בן יחיד?**
- ☐ ער האט נישט געקענט לערנען.
- ☐ ער האט נישט געפילט א טעם ביים לערנען און דאווענען.
- ☐ ער האט נישט געקענט דאווענען.

**ב. וואספארא עצה האט מען אים געגעבן?**
- ☐ פָאהְרן צו דעם און דעם צדיק.
- ☐ לערנען מער פלייסיג.
- ☐ טוהן חסד מיט א צווייטן.

**ג. דורך וועלכע מצוה איז צוגעקומען דער בן יחיד צו א בחינה פון "מאור הקטן"?**
- ☐ ער האט געלערנט אסאך שעות רצופות.
- ☐ געדאוונט מיט כוונה און דביקות.
- ☐ דער רבי זאגט נישט וועלכע מצוה

**ד. וואס האט אים זיין טאטע געענטפערט ווען ער האט געבעטן צו פארן צום צדיק?**
- ☐ דו ביסט מער א למדן פון אים.
- ☐ דו ביסט מער א מיוחס פון אים .
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ה. וואס האט פאסירט ביים פארן צום צדיק דעם צווייטן מאל?**
- ☐ עס איז אראפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט, און זיי זענען שיר דערטרונקען געווארן.
- ☐ זיי האבן געפונען א סוחר אין אכסניא.
- ☐ עס האט זיך צובראכן ביידע אַקְסִין.

**ו. וואס האט זיי דערציילט דער סוחר אויף יענעם צדיק?**
- ☐ אז ער איז די בחינה פון מאור הגדול.
- ☐ אז ער איז א קל , און ער האט געטאן איין עבירה.
- ☐ אז ער איז זייער א גרויסער צדיק.

**ז. וואס האט פאסירט פארן רב ביים וועג צום צדיק, נאך זיין חלום?**
- ☐ עס איז אראפ געפאלן א פערד און די בריקע האט זיך איבער געקערט.
- ☐ ער האט געפונען דעם סוחר.
- ☐ עס האט זיך צובראכן ביידע אַקְסִין.

**ח. וואס וואלט פאסירט אויב דער בן יחיד וואלט זיך געטראפן מיטן צדיק?**
- ☐ וואלט זיך אויפגעבויעט דער בית המקדש.
- ☐ וואלט משיח געקומען.
- ☐ וואלט ער געווען מער א למדן.

**ט. וואס האט דער רב געשריגן ווען ער איז געקומען צום צדיק?**
- ☐ קיין יאוש איז נישט פארהאנדין.
- ☐ געוואלד געוואלד.
- ☐ גיב מיר א וועג צו תשובה טאהן.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ **יא**
- ☐ **ניין**
- ☐ **א חלק**

### טיפער געדאנק



**וואו זעט מען אין דער מעשה אז - לָדוּר בַּעֲלִיָּה הוּא טוֹב יוֹתֵר לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא מִלָּדוּר בְּבַיִת תַּחְתּוֹן.** (ספר המידות, בית) ?

**תשובות אויף די מעשה 'דער פליג און דער שפין' (2)**

**ווער איז געלאפן? ווער האט געשריגן? ווער איז זיך אוועק געגאנגען? ווער האט געלאכט?**

**דער סמ"ך מ"ם.**

**דער געווינער אויף פרשת ויגש איז הילד החשוב חיים דויטש, בית שמש 7914*****

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**





# דעם רבינ'ס משלים

## אונגערישע וויין

אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין אַ וָואגְן וֶוען דֶערִינֶען לִיגְט גוּטֶע אוּנְגֶערִישֶׁע וַויין. אֵיינְמָאל אִין וֶועג רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּאדִינֶער אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה צוּם סוֹחֵר: "מִיר פָארְן אוֹיף דֶעם וֶועג מִיט דֶעם גוּטְן וַויין, דִי וֶועג אִיז אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, גֶעבּ אוּנְז אַבִּיסְל צוּ טוֹעֵם זַיין פוּן דֶעם גוּטְן וַויין". דֶער סוֹחֵר הָאט זֵיי טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵיין טְרִינְק פוּן דֶעם פַיינֶעם וַויין.

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער בַּאדִינֶער הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן זִיצְן אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל מִיט נָאךְ וַויין טְרִינְקֶער, דִי חֶבְרָה דָארְט הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען וַויין אוּן זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אַז דָאס אִיז אוּנְגֶערִישֶׁע וַויין.

"גֶעבּ מִיר נָאר צוּ טְרִינְקֶען" רוּפְט זִיךְ אָן אוּנְזֶער בַּאדִינֶער: "אִיךְ בִּין זִיכֶער בַּיי מִיר, אַז דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט דִי גוּטֶע אוּנְגֶערִישֶׁע וַויין" זָאג דֶער בַּאדִינֶער מִיט זִיכֶערְקַייט.

דִי וַויין טְרִינְקֶערְס הָאבְּן אִים בַּאשְׁרִיגְן אוּן אִים גֶעשְׁטוּפְט. אָבֶער דֶער בַּאדִינֶער הַאלְט זִיךְ בַּיי זַיינְס אוּן זָאגְט מִיט שְׁטַארְקֵייט: "אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אוּנְגֶערִישֶׁע וַויין, אִיךְ בִּיךְ דָאךְ גֶעוֶוען בַּיי גְרֶעסֶערֶע מְבִינִים וִוי אַייךְ זֶענֶען". אָבֶער דִי חֶבְרָה טְרִינְקֶערְס הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין זַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶער נִמְשָׁל, אַז לֶעָתִיד וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶוען מֶען וֶועט טֵיילְן פוּנֶעם יַיִן הַמְשֻׁמָּר, וֶועט מֶען פַאר אַנְדֶערֶע קֶענֶען פַארְדְרֵייעֶן דָאס קָאפּ, מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן וָואלְחִישֶׁען, סְטְרָאוִויצֶער וַויין, אוּן זָאגְן אַז דָאס אִיז דֶער גוּטֶער יַיִן הַמְשֻׁמָּר, אָבֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען אָפְּנַארְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין פַארְזוּכְט פוּן דֶעם גוּטְן וַויין!!

(חיי מוהר"ן ר"ס)

